בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
**פ' עקב** תש"פ
Vol. 16-A


**זמנים**
**עקב**
הדלקת הנרות
**7:51**
סו"ז קריאת שמע
**8:54**
זמן מוצש"ק
**9:17**

**שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו:**

# בלומינגראווער איינוואוינער געניסן פון נארהאפטיגע "פרוכט און גרינצייג פארטיילונג", דורכגעפירט אויף דער איניציאטיוו פון "יו. זשעי. סי."

יעדע וואך ווערט בעז"ה דאָ לאָקאַל פארטיילט גרויסע קוואנטומען פון פרישע פרוכט און גרינצייג וואס איז א געוואלדיגע הילף פאר קינדער געבענטשטע פאמיליעס להחיות בהם נפש כל חי!

**געטרייע שתדלני הציבור אינטערוועניערן צו שאפן נייטיגע פעדעראלע און סטעיט פראגראמען צו ערמעגליכן ברייטע פארטיילונג פון נייטיגע עסנווארג ספעציפיש פאר תושבי בלומינגראוו**




**ספעציעלע דאנק אויסגעדרוקט פאר העסקן הנמרץ, מוה"ר שמעון ישראל פאזען הי"ו, וואס אדאנק זיינע לייסטונגען איז צושטאנד געקומען דער פראיעקט מכח אל הפועל**

**אונטער'ן דרוק פון בעפארשטייענדע וואַלן:**

# אמטירנדע "ווילעדזש אפיס" האט ענדליך באשטימט דורכפירן לאנג - ערווארטעטע רענאָוואַציעס אויף צעהאַקטע "ראודס" אין בלומינגראוו

**נאך לאנגע חדשים און יארן וואס בלומינגראווער מאָטאריסטן האבן געליטן פון צעשטערטע "ראודס" מיט גרעסערע לעכער און שטערונגען, האבן די ווילעדזש באאמטע "זיך דערמאנט" צו אנהויבן פאררעכטן די ראוד'ס, זיך דערזוענדיג ביים שוועל פון די קומענדיגע וואלן אין עטליכע וואכן**

לויט די פלענער וועט די "ראוד ארבעט" זיך אנהויבן פון קומענדיגע וואך מאנטאג אויף די גאסן פון "סיערס און "גרין", וואו עס וועט אין לויף פון די צייט זיין באגרעניצטע פארקינג און טרעפיק ביז די קומענדיגע מעלדונג

וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם

# "כתיבת ספר תורה" דורך בית המדרש "אמרי פנחס קאריץ" פּראָגרעסירט מיט גרויס הצלחה

## גרויסארטיגער קאמפיין צו קויפן זכותים נצחיים אין דער מצות "כתיבת ספר תורה" ווערט אויפגענומען מיט גרויס אינטערעסע און ווארימקייט

גרעסערע און קלענערע זכותים ווערן צעכאפט דורך מתפללי בית המדרש און תושבי בלומינגראוו צו ערמעגליכן דעם "הכנסת ספר תורה" אין דער נאנטער צוקונפט בעז"ה

**פאראינטערעסירטע צו קויפן זכותים נשגבים לעד ולנצח קענען זיך שטענדיג פארשטענדיגן מיט העסקן הדגול, מוה"ר מתתי' דייטש הי"ו, פון די חשוב'ע קאמיטע מיטגלידער**

אשר קדשנו במצותיו וצונו על מצות עירוב!

# קאסטבארע פיקוח ותיקון אויף די עירוב, בהשגחת הגאון רבי יחיאל שטיינמעץ שליט"א, זעצט פאָר ווערכנטליך מיט אַ געוואלדיגע זהירות וקביעות

**אנגייענדע מלאכת הקודש פון פיקוח ווערט באגלייט דורך דעם איבערגעגעבענעם פיאנער פון דעם עירוב אין בלומינגראוו, הרה"ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט"א אב"ד קאריץ, וועלכער איז במשך די גאנצע צייט דער עושה ומעשה צו דורכפירן דעם תיקון עירובין מיט'ן שענסטן שלימות ודקדוק הלכה**

מדי שבוע בשבוע, זענען די חשוב'ע מפקחים עוסק לענגערע שעות מיט די שווערע און אויסמאטערנדע עבודה המפרכת פון בודק זיין יעדן שטאנג און פארעכטן איבעראל וואו עס פאסירן סיי וועלכע שאלות אז אלעס זאל טאקע זיין על צד היותר טוב ומועיל בתכלית הכשרות - - קאמפליצירטע ארבעט ציעט אויך אריין אין פארגרעסערטע אויסגאבן, צו שטיין על המשמר, צו באגלייטן און מפקח זיין, און צו מתקן זיין אלע ענינים הצריכים תיקון, אויף א וועכנטליכן פארנעם, מיט א זעלטענע קביעות אָן קיין איבערייס אדער אפשטעל


עסקני העירוב ביי די ארבעט צו שניידן די געפאלענעביימער וואס האט געהאט אויף זיך די עירוב שטאנגען, און שטעלן אויף נייע שטאנגען און מ'ציט איבער פרישע בענדלעך פאר די מחיצת העירוב

שטורמישע ווינטן פון דעם "האריקעין" די פארלאפענע וואך, לאזן איבער שאָדנ'ס אויף מערערע פונקטן פון דעם עירוב, וואס פארלאנגט באלדיגע גרעסערע הוצאות צו ערמעגליכן א כשר'ן עירוב פאר הונדערטער תושבי העיר; נדיבי לב וועלן זיך אנרופן מיט תרומת הקודש צו אויסצאלן די נויטיגע פאָנדן למען קדושת השב"ק

# קעפיטאל היל עירוב פארענדיגט בשלימות אויף אלע זייטיגע גאסן

## הגה"צ רבי יואל הלברשטאם שליט"א, אב"ד קיט"ל ד'סאטמאר עומד על המשמר בכשרות העירוב

**גאר אסאך כוחות אריינגעלייגט פאר'ן הידור וכשרות העירוב צו סערווירן די גאנצע געגענט, אין די טעג איז פארענדיגט געווארן בשלימות דער עירוב אויף די גאסן פון האלאנד און פענסילוועניע, פרישע תיקונים פאר די כסדר'דיגע השגחה פון די עירוב, דורך חשוב'ע עסקני העירוב**

אויספירליכע פרטים וועט געמאלדן ווערן

שָׂמַחְתִּי בְּאֹמְרִים לִי בֵּית ה' נֵלֵךְ



# דערפרישענדע רענאָוואציע פּראָיעקט ווערט דורכגעפירט ביים בליענדן בית המדרש "שערי תפלה דריבניץ - מקוה חיים זאנוויל"

די גאנצע פּאָדלאָגע, דאך און פּאָדער - צימער ווערן גענצליך רענאווירט און שפּאָגל -ניי איבערגעפרישט לכבוד ולתפארת פון דעם בית ה' לשמו ולזכרו פון הרה"ק מריבניץ זי"ע

דאס נאבעלע בית המדרש און מקוה אויף די סאן אנטאניע גאס איז פאקטיש די איינציגסטע בית המדרש און מקוה פאר דער גאנצער אומגעגנט און איז דעריבער פארוואנדלט געווארן אלס דער לייכטענדער ווינקעלע פאר אלע תושבים באהבה ואחוה ורעות

להקם ולרומם את בית אלקינו!

וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה

# אימפּאזאנטע מסיבה נהדרה פאַר בידהמ"ד ומקוה מפוארה "עבודת ישראל קאָזניץ" אפּגעראָכטן מיט פּראַכט דעם פארלאפענעם מוצש"ק נחמו העעל"ט

## מיט גרויס פרייד און התרגשות האבן תושבי השכונה ומתפללי בית המדרש באניט די שיינע מקוה העומד לברך על המגומר פארגאנגענעם שבת נחמו



צענדליגער תושבי השכונה פאַרברענגען לאנגע שעות של קורת רוח ביי רייך -געדעקטע סעודת מלוה מלכה מיט נעימות'דיגע זמירות שירות ותשבחות, ובהשתתפות רבני העיר שליט"א, למען חיזוק וביסוס פון דעם נאבעלן בית גדול שמגדלין בו תורה ותפלה

דרשות נפלאות געהערט דורך הגה"צ רבי יואל הלבערשטאם שליט"א, אבד"ק קהל יטב לב בלומינגראוו, הרה"ג רבי נפתלי יוסף מענדלאוויטש שליט"א, מחשובי משפיעי בידהמ"ד, און דברי ברכה דורך כ"ק אדמו"ר מקאזניץ שליט"א

**ציבור התושבים רופן זיך אָן מיט גרויסע סכומים, צו די פריידיגע הרחבת גבולי הקדושה אין היכל ביהמ"ד אינאיינעם מיט העהליכע אויפבוי פון מקוה טהרה לשם ולתפארת**

שמחתי באומרים לי בית ה' נלך:

# נייער באס פאר מוסדות בני יואל ספעציעל פאר 'בלומינגראוו' ווערט טראנספארטירן תלמידי המוסדות, נתנדב געווארן דורך הורי המוסד, נדיבי לב מתושבי עירינו




וַאֲנִי בְּרֹב חַסְדְּךָ אָבוֹא בֵיתֶךָ אֶשְׁתַּחֲוֶה אֶל הֵיכַל קָדְשְׁךָ בְּיִרְאָתֶךָ

# שיינענדיגע שבתות וימים טובים געפראוועט אין בית המדרש "התאחדות אברכים"; א לייכטורעם פאר דער גאנצער געגנט

קאלירפולער ציבור חסידים ואנשי מעשה ובעה"ב נכבדים, מסלתה ומשמנה פון תושבי העיר זענען זיך קובע מקום אין דעם רחבות'דיגן בית המדרש וואס איז אין די קורצע תקופה זינט איר התייסדות אויסגעוואקסן אלס א זעלטענע פנת יקרת לשם ולתפארת

**פילצאליגע מתפללים געניסן פון געשמאקע אטמאספער, און ווארימע תפלות, און שלש סעודות**

הנהלת ביהמ"ד ארגאנזירט שיעורים בהלכה ובאגדה און שיעורי פרקי אבות, דורך חשוב'ע מגידים שליט"א בכל עת מצוא

**אין די יעצטיגע טעג, שטייענדיג שוין נאך חמשה עשר באב, האט זיך פאקטיש אנגעהויבן "זיצן פארקויף" לקראת די הייליגע טעג שנת תשפ"א הבאים לקראתינו לשלום, וואס וועט בעז"ה אפגעראכטן ווערן ברוב עם הדרת מלך צוגעשטעלט כראוי וכיאות**

אי"ה קומענדיגע וואך וועט געדרוקט ווערן די ברוכים הבאים און מזל טוב רובריקן,

אזוי אויך אויפ'ן פארלאנג פונעם ציבור וועלן מיר איבערדרוקן דעם לכו והתפרנסו קאלום, א ליסטע פון ביזנעסער, געשעפטן, און סערוויסעס מיט קאנטאקט אינפארמאציע, פון תושבי בלומינגראוו, צו אדווערטייזן - בחינם - שרייבט א אימעיל צו די מערכת און עס וועט אי"ה ערשיינען אין די ספעציעלע לכו והתפרנסו קאלום

**אריינצושיקן נייעס, ארטיקלן, בילדער מזל טוב'ס, ברוכים הבאים, בריוו ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו:**

**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**